# מושלי הלשון

## מיר באהערשן אן איידעלע שפראך



א סדר הלימוד וועגן אונאת דברים

# אינהאלט

מושלי הלשון

## פרק א': געדאנקען אויף דיבור


**שיעור 1: א מאכטפול געווער**–דער כח הדיבור
**שיעור 2: פון גארנישט צו גרויס**–אונזערע ווערטער וואקסן
**שיעור 3: סוף כל סוף**–וואו קומען אונזערע ווערטער אן?
**שיעור 4: מעסט דיינע ווערטער**–וויפיל רעדן מיר?
**שיעור 5: פארב דיינע פריינט**–טוישן א צווייטנ'ס זעלבסטבילד
**שיעור 6: ווארנונג! געפארפולע כוואליעס!**–וויאזוי דאס אומזעבארע קען ווי טון
**שיעור 7: צוברעכן און צושטעכן**–ווערטער וואס צוקלאפן מענטשן


## פרק ב': גורמים פון אונאת דברים


**שיעור 8: וואס ברענגט אונז ווי צו טון אנדערע?** סיבה #1: כעס
**שיעור 9: ווי אזוי עס צו פאררעכטן!** שטעל אפ די כעס
**שיעור 10: וואס ברענגט אונז ווי צו טון אנדערע?** סיבה #2: בלינד צו א צווייטנ'ס חשיבות
**שיעור 11: ווי אזוי עס צו פאררעכטן!** פארשטיין יענעמ'ס חשיבות
**שיעור 12: וואס ברענגט אונז ווי צו טון אנדערע?** סיבה #3: א געפיל פון מינדערווערטיגקייט
**שיעור 13: וואס ברענגט אונז ווי צו טון אנדערע?** סיבה #4: קנאה
**שיעור 14: ווי אזוי עס צו פאררעכטן!** זיך דערהייבן (אז עס זאל נישט גלוסטן אראפצוקלאפן אנדערע)
**שיעור 15: וואס ברענגט אונז ווי צו טון אנדערע?** סיבה #5: היציגקייט
**שיעור 16: ווי אזוי עס צו פאררעכטן!** דער אהבת ישראל מאשין
**שיעור 17: וואס ברענגט אונז ווי צו טון אנדערע?** סיבה #6: גאוה
**שיעור 18: וואס ברענגט אונז ווי צו טון אנדערע?** סיבה #7: וויצן און הומאר
**שיעור 19: וואס ברענגט אונז ווי צו טון אנדערע?** סיבה #8: באשולדיגן אנדערע
**שיעור 20: וואס ברענגט אונז ווי צו טון אנדערע?** סיבה #9: צדיק בעיניו—א צדיק אין די אייגענע אויגן
**שיעור 21: וואס ברענגט אונז ווי צו טון אנדערע?** סיבה #10: בארעכטיגונג


## פרק ג': פארשידענע סארטן אונאת דברים


**שיעור 22: קלאפן יענעמ'ס זעלבסטשאץ, ברענגענדיג אים אריינצופאלן אין יאוש**
**שיעור 23: פארמינערן יענעמ'ס געפיל פון דערגרייכונג**
**שיעור 24: פארגרעסערן א צווייטנ'ס חסרון דורך יענעם פאַרשטעלן אלס "נישט נארמאל"**
**שיעור 25: פארשעמען יענעמ'ס משפחה אין ברען פון א קריגעריי**
**שיעור 26: ארויסברענגען אז עס ליגן אנדערע כוונות הינטער א מעשה טובה**
**שיעור 27: אפסטעמפלען**
**שיעור 28: שפעט-נעמען**
**שיעור 29: מצער זיין איינעם וואס איז אנדערש ווי דו**

# אינהאלט

מושלי הלשון


**שיעור 30:  טעותים ביים לערנען**
**שיעור 31:  אפלאכן פון א צווייטנ'ס אויסזען**
**שיעור 32:  אפלאכן פון א צווייטנ'ס חפץ**
**שיעור 33:  אוועקמאכן עסן**
**שיעור 34:  אומאנגענעמע פראגן**
**שיעור 35:  דער צוויי-עקיגער "ניין"!**
**שיעור 36:  קאפ ארבעט**
**שיעור 37:  דערשטיקן דעם פלאם**
**שיעור 38:  פארבן א בילד פון זיך**
**שיעור 39:  לויבן א צווייטנ'ס איינקונפטן**
**שיעור 40:  מ'רעדט וועגן מיר!**
**שיעור 41:  האב נישט מורא**
**שיעור 42:  מ'מיינט דיר**
**שיעור 43:  אלארמירנדע שריט**
**שיעור 44:  גוט ביזן לעצטן טראָפּ**
**שיעור 45:  היילן וואונדן מיט ווערטער**
**שיעור 46:  איינצלהייטן, איינצלהייטן**
**שיעור 47:  נאכמאכן פארבאטן**
**שיעור 48:  סודות פון חדר**
**שיעור 49:  א באהאלטענע אטאקע**
**שיעור 50:  סארקאסטיש גערעדט**
**שיעור 51:  א טאג אין חיות גארטן**
**שיעור 52:  אינו דומה**
**שיעור 53:  געמאסטענע טענער**
**שיעור 54:  אן לשון**
**שיעור 55:  שרייבן שלעכטס**


## פרק ד': מיטלען פאר הצלחה


**שיעור 56:  מיטל #1:** גרויסע פארדינסטן
**שיעור 57:  מיטל #2:** רעגן שוץ
**שיעור 58:  מיטל #3:** זען און ארויסברענגען דאס גוטס
**שיעור 59:  מיטל #4:** ליין די שילדן!
**שיעור 60:  מיטל #5:** אויסגראָדן דעם רינג
**שיעור 61:  מיטל #6:** אפרייניגן די איבערקערעניש

## צילפונקט

### **א מאכטפול געווער**–דער כח הדיבור

*מיר האבן פיס; א פערד האט אויך פיס.*

*מיר האבן א נאז; א מאלפע האט אויך א נאז.*

*מיר האבן אויגן; א מייז האט אויך אויגן.*

**וואס מאכט אונז אנדערש ווי די חיות וואס השי"ת האט באשאפן?**

ווען השי"ת האט אונז באשאפן, האט ער אריינגעבלאזן א ספעציעלע חִיות אין אונזער לופט-רער. דאס איז נישט געווען סתם לופט — עס איז איינע פון די שטארקסטע כלים וואס דער באשעפער האט אמאל געגעבן פאר סיי וועלכער באשעפעניש.

**דאס איז דער כח הדיבור — דער כח צו רעדן.**

ווען מיר רעדן, שטופן מיר נישט פשוט ארויס לופט דורך אונזערע שטימבענדער. מיר לאזן ארויס א חלק פון דעם מאכטפולן **כח וואס** השי"ת האט אריינגעלייגט אין אונז ווען מיר זענען באשאפן געווארן.

דעריבער האבן אונזערע ווערטער אזא שטארקן כח. מיט א פּאָר ווערטער פון תפילה, קען מען איינ־רייסן די הימלען. פון דער אנדערער זייט, קען מען מיט איין ווארט לשון הרע פארשאפן צער פאר זיך אליין און זיכער פאר אנדערע.

**ווערטער קענען בויען וועלטן און חרוב מאכן וועלטן. עס ווענדט זיך וויאזוי מען ניצט דעם געוואלדיגן כח וואס מיר האבן באקומען.**



## דער מקור

**ויפח באפיו נשמת חיים** (אונקלוס: בראשית ב:ז)

און ער האט אריינגעבלאזן אין זיין נאז די נשמה פון לעבן, און דער מענטש איז געווארן א לעבעדיגער באַ־שעפעניש — א רעדנדיגער באשעפעניש.

## ערציילונג

### א בילד אנטפלעקט

קום אהער!" האט חיים אויסגערופן צו אלע ארומיגע. "גיב א קוק!"

אין געציילטע סעקונדעס האבן עטליכע נייגעריגע אינגלעך זיך גרופירט ארום אים, און די געשרייען האבן זיך געלאזט הערן.

"אָה-האַ!"

"ווער האט עס געמאכט?"

"מיינסט עס נישט ערנסט!"

"הערשי," האט חיים געמאלדן מיט א געהיימניספולן וואונק. "ער איז א טאלאנטפולער מאלער."

"אוי, טרייב נישט איבער," האט הערשי פראטעסטירט, פרובירנדיג צו פארדעקן זיין פאפיר. "עס איז גארנישט."

"דאס רופסטו *גארנישט*?!" האט חיים געלאכט. ער האט זיך געווענדן צו די אינגלעך ארום הערשי'ס טישל. "איר האלט אויך אז דאס איז גארנישט?"

"ס'איז געוואלדיג!" האט ברוך אויפריכטיג גוזאגט, אפשר אביסל איבערראשט.

**הערשי האט שנעל פארווישט די אויגן. "איך האב זיך געשפירט אליין אויף דער וועלט..."**

הערשי האט געוועהנליך פארברענגט אליין ביי ריסעס, ליינענדיג א ביכל אין עס-זאל. ער איז נישט דוקא געווען אומבאליבט אדער ארויסגעלאזט; ער האט זיך פשוט נישט גענומען די מי זיך צו באפריינדן מיט אנדערע אינגלעך.

"איר מוזט זען וואס נאך ער קען מאלן," האט חיים נישט נאכ־

געלאזט. "הערשי, ווייז זיי ווי דו האסט נאכגעמאלט דעם חת"ם סופר."

הערשי האט זיך פארוויטלט, און ער האט ארויסגעשלעפט א פאפיר מיט א מייסטערהאפטיגן בילד. איבערראשטע אויסרופן האבן זיך געהערט פון אלע זייטן.

"הערשי איז עפעס אויסערגעוועונליך," האט חיים איבער־גע'חזר'ט, צו דער צושטימונג פון די אנדערע אינגלעך. "מיר וואלטן אים געדארפט בעטן צו מאכן עפעס פאר אונזער גליון, ניין?"

"זיכער!" דאס איז געווען יהודה, דער אפיציעלער "ראדאקטאר" פון כתה. אלע קעפ האבן העפטיג צוגעשאקלט.

הערשי שעכטער איז פלוצלינג געווארן א טייל פון דער כתה. און חיים נייהויז, וועמענ'ס הארץ איז אויסגעגאנגען פאר זיין ביז־יעצט־יגער איינזאמער חבר, האט געשמייכלט מיט צופרידנהייט.

* * *

"איך בין שטארק איבערגענומען," האט דער בחור ביים שטענ־דער געזאגט, פאררעכטנדיג נערוועז זיינע גלעזער און האלטנדיג די גרויסע תעודה מיט ציטערדיגע פינגערס. "איך... וואלט קיינמאל נישט געגלייבט אז איך וועל דא שטיין היינט, אין טאג פון אונזער סיום. מיט זיבן יאר צוריק, ווען מיר זענען געווען אין כתה ה', בין איך אדורך א שווערע תקופה אינדערהיים. איך בין געווארן פאר־מאכט און איינגעשלאסן אין זיך, און פארשטייט זיך אז מיינע חברים האבן זיך אויך צוריקגעצויגן פון מיר. ס'האט אפילו נישט אויסגעזען ווי איינער באמערקט אז איך עקזיסטיר בכלל."

הערשי האט שנעל פארווישט די אויגן. "איך האב זיך גע־שפירט אליין אויף דער וועלט. און דאן, איין טאג, האט זיך אלעס פלוצלינג געטוישט. די אינגלעך אין כתה האבן אנגעהויבן זיך אומקוקן אויף מיר; זיי האבן אנגעפאנגען שעצן מיין טאלאנט פון מאלן. פון דארט האט גענומען גיין בארג ארויף — ממש נישט צום גלייבן! און דאס איז אלעס צו פארדאנקען איין אינגל, חיים נייהויז. מיט אביסל מחשבה און א פאר גוטהארציגע ווערטער, האט ער מיר אויפגעבויט און געטוישט מיין לעבן. אויף אייביג."

## זאג גוט!



**ש:**
וויאזוי קענען אונזערע ווערטער באמת העלפן אדער מצער זיין אנדערע?

## לאמיר איבערגיין

**א ווארט האט א מורא'דיגן כח, און איז א וואונדערליכע מתנה פון השי"ת. מען קען עס ניצן צו ברענגען אויסטערלישע גוטס אויף דער וועלט; אבער אויב מען איז נישט פארזיכטיג, קענען אונזערע ווערטער חלילה אנזייען געפערליכע חורבנות.**

## טו טעגליך

ניץ דיין כח הדיבור אויף א פאזיטיוון אופן. גיב היינט איינעם אן אויפריכטיגן קאמפלימענט.

מושלי הלשון

## צילפונקט

**וואס ברענגט אונז ווי צו טון אנדערע?** סיבה #3: א געפיל פון מינדערוויכטיגקייט

קיינער האט נישט ליב צו פילן קליין און מינדערוויכטיג. ווען מען פילט אזוי, שפירט מען זיך שוואך און הילפסלאז.

דאס איז זייער אן אומאנגענעם געפיל פאר סיי ווענען. מיר ווילן פטור ווערן פון דעם געפיל, און דעריבער זוכן מיר וועגן וויאזוי זיך צו שפירן **גרויס**.

עס זענען דא פיל גוטע אופנים וויאזוי מען קען **ווערן גרויס**.

אבער לײדער האט דער יצר הרע זיין אייגן שאכטל מיט נידריגע שפיצלעך, וואס ער רייצט אונז אן צו ניצן כדי מיר זאלן אויף א קורצער צייט קענען **פילן גרויס**...

...ווי, צום ביישפיל, זיך מאכן וויכטיג, ספעציעל — ווי טון און שטעכן אנדערע — וואס מאכט אונז שפירן **גרויס** דורכן מאכן אנדערע שפירן קליין און מינדערוויכטיג.

צום באדויערן, טוען אבער קיין איינער פון די שפיצלעך אונז נישט באמת גרויס מאכן. עס ארבעט נאר אויף א קורצע צייט. עס העלפט באהאלטן דאס געפיל פון קליינליכקייט; טיף אינעווייניג בלייבט מען נאך דער זעלבער מענטש.



### דער מקור

**איזהו מכובד? המכבד את הבריות** (אבות ד:א)

**ווער איז געשעצט? דער וואס שעצט אנדערע.**

## ערציילונג

### פארשטויסן

ס'איז פשוט נישט קיין יושר.

נפתלי האט געשטויסן א קליין שטיינדל און באטראכט ווי עס טאנצט איבערן גאס. טאק, טאק, טאק.

*פונקט אזוי פיל איך, האט ער טרויעריג געטראכט. ארומגעשטויסן א גאנצן טאג. אינדערהיים באהאנדלט מען מיר ווי א קליין קינד. ס'איז נישט מיין שולד אז איך בין דער יונגסטער אין דער משפחה, איז פארוואס דארף מען מיר מאכן פילן אזוי קליין און מינדערוויכטיג? און אין חדר רופן מיר אלע "קליינטשיגס". וואס איז אז איך בין אביסל נידריג? פארוואס דארף מען זיך אלעמאל אנטשעפען אויף מיר מיט דעם?*

די שלעכטע שטימונג האט באגלייט נפתלי'ן א גאנצן נאכמיטאג. ער האט אפגעזאגט זיין מאמע'ס פארשלאג צו גיין צוזאמען איינקויפן, און האט אויסגעקליבן אנשטאט צו בלייבן זיצן אין זיין צימער און טרויערן.

"נפתלי! שמשון רופט דיר!"

**שמשון האט אנגעקוקט נפתלי'ן מיט א שאקירטן בליק. ער האט זיך שנעל אויסגעדרייט און איז אראפגעלאפן די שטיגן.**

נפתלי האט זיך אונטערגעברומט. שמשון איז זיין פלימעניק, נאר איין יאר יונגער ווי אים. ער איז אפטמאל געקומען באזוכן זיין זיידע און באבע נאכמיטאג, און האט אלעמאל געוואלט שפילן מיט זיין בעסטן פעטער, נפתלי.

"אָה," האט נפתלי ברוגז'דיג געמורמלט ווען ער האט דערזען שמשון ארויפקומען די שטיגן.

"ווילסט זען וואס איך האב באקומען פאר אפיקומן?" האט שמשון פרייליך געפרעגט. "ס'איז א ריזיגער עראפלאן וואס קען עכט פליען! קום — כ'וועל דיר לאזן שפילן מיט דעם. ס'איז ממש מעכטיג!"

נפתלי האט געוועגליך שטאלצירט מיטן זיין א גוטער חבר פאר שמשון, אבער היינט האט זיין שלעכטע גוסטע אים באהערשט. איידער ער האט זיך געקענט צוריקהאלטן זענען די ווערטער ארויסגעשפרונגען פון זיין מויל.

"ס'איז סתם א נארישע שפילצייג!" האט ער גרעזאגט מיט כעס. "אזא קינדעריש מתנה! גיי שפיל זיך אליין. כ'בין יעצט פארנומען!"

שמשון האט אנגעקוקט נפתלי'ן מיט א שאקירטן בליק. ער האט זיך שנעל אויסגעדרייט און איז אראפגעלאפן די שטיגן. נפתלי איז געבליבן אליין, און איז איבערראשט געווארן צו אנטדעקן א נייע געפיל אין זיך: א געפיל פון שטארקקייט.

*הא! האסט געזען שמשון'ס פנים? ער זעט אז איך בין בעל הבית. איך בין עלטער און מער וויכטיג!*

דאס געפיל פון מאכט איז געווען פונקט גענוג שטארק צו איבערוועלטיגן אן אנדער געפיל: בושה. נפתלי האט עקשנות'דיג באזייטיגט פון זיין מח שמשון'ס פארוויטאגטע פנים. *ס'קומט זיך אים,* האט ער געטראכט. *ער איז אזוי קינדעריש.*

דעם נעקסטן טאג, נאכ'ן ווידעראמאל ווערן אויסגעשלאסן פון זיינע חברים ביי "גלחים לויפט" ווייל "ביסט אזוי קליין ווי א אינגל פון קינדערגארטן", איז נפתלי צוגעגאנגען צו א גרופע יונגערע אינגלעך און טיף איינגעאטעמט. "מ'מאכט א לעבן, הא?" האט ער פעסט אויסגערופן. "זע דארט ווי חזקי קען זיך נישט קיין עצה געבן אויפן מאָנקי באַר!"

חזקי איז רויט געווארן. די אנדערע אינגלעך האבן געלאכט. נפתלי האט נאכאמאל געשפירט דעם נייעם מאכט געפיל.

*געוועגדיגט מיטן ווערן ארומגעשטויסן איבעראל. יעצט איז מיין רייע צו שפירן וויכטיג!*

עס האט גענומען נישט מער ווי א פאר וואכן ביז נפתלי איז פארוואנדלט געווארן אין קריג מאשין. די אינגלעך האבן אנגעהויבן אים אויסמיידן; זיינע פלימעניקעס זענען מער נישט אריבערגעקומען. דער רבי איז געווארן באזארגט, און זיינע עלטערן האבן באמערקט אז עפעס טויג נישט.

"אה, וואספארא *הערליכע* שיך," האט נפתלי געשפעט פון זיין חבר מענדי איין פרימארגן. "וואו האסטו עס געקויפט? פון א ירושות צענטער?"

ער האט זיכער נישט ערווארטעט מענדי'ס ענטפער. אנשטאט רויט ווערן, איז מענדי געקומען א טריט נענטער אין אריינגעקוקט נפתלי'ן אין די אויגן. "נפתלי," האט ער געזאגט שטילערהייט, "דו מוזט טאקע מאכן אנדערע מענטשן פילן שלעכט אז דו זאלסט קענען פילן גוט מיט זיך? ממש א שאד."

און נפתלי האט נישט געוואוסט וואס צו זאגן.

## זאג גוט!




**ש:**
אויב דער אינגל איז אומצופרידן מיט וויאזוי זיינע חברים שפילן, וואלט ער געקענט טרעפן א בעסערן וועג וויאזוי דאס ארויסצוברענגען?

## לאמיר איבערגיין

**פילן וויכטיג — לאמיר זיך נישט דערקייקלען אזוי נידריג זיך צו מאכן שפירן גרויס דורך קלאפן אנדערע.**

**באמערקונג:** אין די פאלגנדע שיעורים וועלן מיר זען אז רוב אורזאכן פון אונאת דברים קומען פון זיך שפירן מינדערוויכטיג. מיר וועלן אויך לערנען וויאזוי צו שפירן גוט מיט זיך, אז מען זאל מער קיינמאל נישט דארפן קלאפן אנדערע כדי צו פילן גרויס.

## טו טעגליך

שפירן גוט מיט זיך הייבט זיך אן מיטן טון בכבוד'יגע זאכן, און מיטן זיך אויפפירן אויף אן אופן וואס איז מכבד אנדערע. טראכט פון איין זאך וואס דו קענסט היינט טון צו ארויסווייזן רעספעקט פאר א צווייטן מענטש — און טו עס טאקע!

## צילפונקט

### פארמינערן יענעמ'ס געפיל פון דערגרייכונג

*צוויי וואכן! **גאנצע** צוויי וואכן האסטו פארברענגט מיטן בויען א קונסטליכע "קליקס" געביידע. דיינע שכנים זענען געקומען באטראכטן דיין ווערק. די אָרטיגע צייטשריפט האט אפילו ארייינגעלייגט א פאר בילדער דערפון אין זייער "וואונדערליך ווינקל"! און דאן, איין טאג, גייט א אינגל פון אייער בנין, וואס איז דיר פשוט מקנא, און גיבט עס א קליינעם שטופ מיט זיין פינגער.*
***קראאאאאאררררררררר!***

קיין זאך קומט נישט צו צום געפיל פון דערגרייכונג — דאס זיך אליין איבערצייגן אז דו צייכנסט זיך אויס אויף עפעס אן אופן. צו דו האסט מצליח געווען ביים פארהער, געוואונען א שפיל, געמאכט א סיום, געענדיגט א שווערן פראיעקט... וואס עס זאל נאר זיין, א דערגרייכונג בויעט זעלבסטזיכערקייט, און גיבט מוט צו טון און אויספירן מער און מער.

לאמיר זיך פארשטעלן אז דו האסט נארוואס פארענדיגט גאר א לאנגן און שווערן פראיעקט. יעצט פרוביר זיך אויסצו'משל'ען ווי דו נעמסט א טריט אויף צוריק צו באטראכטן דיין מייסטערווערק. ווי דו באוואונדערסט עס אזוי אין גע־דאנק, גייט איינער פארביי, און לאזט פאלן א ווארט אז דיין דערגרייכונג איז גארנישט אזוי מורא'דיג — אדער נאך ערגער, גארנישט ווערד. דיין זעלבסט-שאץ ווערט פאר־שוואונדן ווי עס וואלט קיינמאל נישט געווען.

ווען מען קריטיקירט א צווייטנ'ס דערגרייכונג, נעמט מען פון יענעם אוועק דעם חשק וואס שטופט אים ווייטער אנצוגיין. דאס קען יענעם ברענגען צו וועלן אויפגעבן. אזעלכע ווערטער זענען אזוי שעדליך אז זיי קענען פארקלאפן א צווייטנ'ס חשק און יענעם גענצליך דערשלאגן.




## ערציילונג

### דערגרייכט א דערנידערונג

וואו איז מושי?" האט פרץ געפרעגט בשעת ער האט זיך גע־שטופט, דורך די שמועסנדיגע אינגלעך אין א זוכעניש נאך זיין בעסטן חבר. "אה, דא ביסטו!" האט ער ענדליך אויסגערופן, כאפנדיג מושי'ן ביים אקסל. "איך מוז רעדן מיט דיר!"

"וואס איז געשען?" האט מושי געפרעגט. "אלעס איז אין ארדנונג? ביסט אזוי רויט און איבערגענומען."

"יא, יא, אלעס איז גוט. הער, וועסט נישט גלייבן!" פרץ האט געשלעפט מושי'ן צום ווינקל פון קלאס־צימער. "ווייסט דאך אז כ'האב זיך איינגעגעבן ביי 'מתמידים חכמת התורה', יא?"

"איך גלייב עס נישט!" מושי'ס אויגן זענען געווארן ריזיג. "יעד־ער ווייסט אז ס'איז ממש אוממעגליך צו ווערן אנגענומען דארט. זיי האבן דיר אנגענומען?"

> **"אה, דא ביסטו!" האט ער ענדליך אויסגערופן, כאפנדיג מושי'ן ביים אקסל. "איך מוז רעדן מיט דיר!"**

אן אויפגעהייטערטער האט פרץ צוגע־שאקלט מיטן קאפ.

"איך גלייב עס טאקע נישט!" מושי האט אים געשאנקען א ברייטן שמייכל. "זיי קלויבן אויס נאר דער בעסטער פון דער בעסטער. איינער פון מיינע ברידער האט זיך איינגעגעבן דארט איין יאר, און כאטש ער איז אזא מת־מיד און ער האט אזא גוטן קאפ האבן זיי אים נישט אנגענומען. פרץ! איך פריי זיך אזוי שטארק פאר דיר!"

פרץ האט געשמייכלט. ס'איז ווייט נישט געווען גרינג.

"מתמידים חכמת התורה" איז, ווי מושי האט געזאגט, זייער שטרענג מיט די אינגלעך וואס זיי נעמען אן. עס האט געפאדערט אסאך קוראזש און בטחון פון פרץ'ס זייט צו אפילו טראכטן פון זיך איינגעבן, און אויך נאכן אריינשיקן זיין אפליקאציע האט ער זיך נישט געטרויט צו האפן אז ער וועט למעשה אנגענומען ווערן.

"נו, זענען זיי טאקע גוטע מבינים!" האט מושי אויסגערופן, קלאפנדיג פרץ'ן אויפן אקסל. "ס'איז וואונדערליך, פרץ!"

"וואס איז אזוי וואונדערליך?" האט א קול לאנגזאם געפרעגט. די חברים האבן זיך אויסגעדרייט. פאר זיי איז געשטאנען יונה, מיט א שפאטישן שמייכל אויפן פנים.

"איך האב אומווילנדיג אונטערגעהערט אייער שמועס," האט ער טרוקן געזאגט. "וואס מאכט איר אזא מצב פון ווערן אנגענומען אין חכמת התורה? כ'האב געהערט אז זיי זענען געבליבן הענגען דעם יאר, און זיי האבן קוים אינגלעך. זיי נעמען אן ווער ס'שרייבט זיך נאר איין."

יונה האט זיך גלייכגילטיג אויסגעדרייט און אוועקגעגאנגען, איידער ער האט געקענט זען פרץ'ס פנים איינפאלן פון זיין הויכער שמחה צום שווארצן אפגרונד פון אנטוישונג.

## זאג גוט!




**ש:**
וואס איז די עוולה פון זאגן אז ס'איז געווען א גרינגע בחינה?

## לאמיר איבערגיין

**פארמינערן א צווייטנ'ס דערגרייכונג שעדיגט יענעמ'ס זעלבסט-שאץ.**

## טו טעגליך

ווען איינער דערציילט דיר גוטע נייעס וועגן זיך, שטרענג זיך אן צו פארגרעסערן זיין געפיל פון דערגרייכונג מיט אן אויפריכטיגן קאמפלימענט.